קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
**רבינו אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## שמיני - החודש

גליון ל"ד - שנת תשפ"ד לפ"ק

· **אידיש** ·

יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שינאווא

כל הזכויות שמורות

## וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי קָרָא מֹשֶׁה לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו וּלְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל.

**א)** די גמרא זאגט (מגילה י:): **"אותו היום היתה שמחה לפני הקדוש ברוך הוא כיום שנבראו בו שמים וארץ, כתיב הכא ויהי ביום השמיני וכתיב התם ויהי ערב ויהי בקר יום אחד"** - אין דער טאג וואס מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, איז געווען א גרויסע שמחה ביים אייבערשטן, פונקט ווי דער טאג וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט. לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס שטייט דוקא דא דער ענין פון שמחה? עס איז דאך געווען נאך גרויסע זאכן ביי כלל ישראל, עס איז געווען א יציאת מצרים, א מתן תורה וכדומה, און דארט שטייט נישט אז עס איז געווען אזא גרויסע שמחה ביים אייבערשטן?

**ב)** נאכמער איז שווער, דער משכן איז דאך געווען א כפרה אויפן חטא המדבר, נו ווי איז שייך אז די שמחה פון הקמת המשכן זאל זיין ווי דער ערשטער טאג אין דער בריאה - ווען עס איז נאך בכלל נישט געווען קיין חטאים אויף דער וועלט?

**ג)** בכלל דארף מען פארשטיין, פארוואס טאקע האט דער אייבערשטער געגעבן דוקא דעם משכן אלס א כפרה פאר דעם חטא?

**ד)** דער רבינו בחיי ברענגט דא צו א מדרש (תנחומא שמיני ב): **"ויהי ביום השמיני זהו שאמר הכתוב** (תהלים עה, ה) **אמרתי להוללים אל תהולו, לחוללים אל תחולו, ענין מחולות כמחולת המחנים"** - ער שטעלט אהער דעם פסוק, וואס דוד המלך זאגט פאר א מענטש נישט צו זיין 'בהוללות', און דער מדרש דרש'נט עס מיט א ח' א לשון פון 'מחולות', אז א מענטש זאל נישט טאנצן מיט קיין הוללות. לכאורה דארף מען פארשטיין, צו וואס האט אויסגעפעלט צו דרש'ענען דעם דרש? וואס טויג נישט מיט דעם פשוט'ן פשט, אז מען זאל נישט זיין בהוללות? און אויך דארף מען פארשטיין, דעם שייכות פון דעם ענין אהער?

**יעדע מדה האט צוויי קעגנזייטיגע זייטן – מצד הקדושה ולהיפוך**

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. עס איז ידוע, אז יעדע מדה קען מען נוצן אויפן צד הקדושה און מען קען עס חלילה נוצן אויפן צד הטומאה. אבער **ביידע** אינאיינעם - גייט נישט, ווייל זיי זענען ווי צוויי 'צרות' איינס צום אנדערן; ווי דער חובת הלבבות זאגט (שער חשבון הנפש פרק ג', חשבון כה): "**העולם הזה והעולם הבא כשתי צרות, כאשר תרצה האחת מהן, תקציף השנית**" - דער עולם הזה און עולם הבא זענען ווי צוויי פרויען פון איין מאן, וואס ווען איינע איז צופרידן - ווערט די צווייטע אויפגערעגט. נאר עס גייט אויף אן אופן פון 'כשזה קם זה נופל', אז ווי מער א מענטש כאפט זיך אן אין א מדה מצד הקדושה - אלץ מער ווערט ער אויסגערייניגט פון **דער** מדה מצד הקליפה.

**שמחה מצד הקדושה – ברענגט השראת השכינה**

**די** מדה פון שמחה איז אויך אזוי. עס איז פארהאן א שמחה מצד הקדושה, וואס א איד איז פרייליך מיט א 'שמחה של מצוה', ער פריידט זיך אז ער האט זוכה געווען צו זיין א איד און צו מקיים זיין רצון הבורא, ער האט זוכה געווען צו לייגן תפילין, ער האט זוכה געווען צו לערנען א שטיקל גמרא וכדומה. דאס איז גאר א הייליגע מדה! דאס איז גאר גרויס! אזוי ווייט, אז נאר דורכדעם קען א איד זוכה זיין, אז די שכינה זאל רוען אויף אים! ווי די גמרא זאגט (ברכות לא.): "אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה של מצוה" - די שכינה רוהט נישט אויף א מענטש, נאר אויב ער איז פרייליך מיט א **שמחה של מצוה**.

**שמחה מצד הקליפה – ברענגט חלילה א רוח טומאה**

**פארקערט**, איז פארהאן א שמחה מצד הקליפה, וואס א מענטש פריידט זיך חלילה מיט אן עבירה, וואס דאס איז הוללות און א פוסטע שמחה. און דאס גאר א הארבע זאך, וועלכע קען ברענגען חלילה צום ארגסטן. מען קען אפשר זאגן, אז דאס גייט 'זה לעומת זה', אז פונקט ווי די 'השראת השכינה' קומט נאר דורך 'שמחה של מצוה', אזוי איז אויך אין דער קליפה, די 'השראת הטומאה' לא עלינו קומט נאר, דורכדעם וואס דער מענטש פריידט זיך מיט אן

עבירה און ער איז בהוללות, דעמאלט איז שורה אויף אים דער רוח טומאה רחמנא ליצלן.

**ביי מתן תורה איז נישט געווען קיין 'שמחה' – האט די סט"א געהאט א שליטה דערויף**

**מען** האט שוין אמאל גערעדט, אז ביי מתן תורה געפונט מען נישט אז אידן זאלן זיין בשמחה. עס שטייט אויסגערעכנט אין די פסוקים 'יראה', 'פחד', 'רתת וזיע', אבער שמחה שטייט נישט. וואו טרעפט מען יא שמחה? ווען עס איז געקומען צו דעם חטא המדבר, דארט שטייט שוין שמחה; ווי דער פסוק זאגט (שמות לב, יט): **"וירא את העגל ומחולות"** - זיי האבן נעבעך געטאנצט און זיך געפריידט מיט דעם חטא. און לויט ווי מען רעדט, איז דאס טאקע געקומען צוליב דעם, אז וויבאלד ביי מתן תורה האבן זיי נישט גענוצט די מדה פון שמחה פאר דער קדושה, איז דאך נישט געווען דער 'זה קם' אין דער מדה פון שמחה, ממילא האט די סטרא אחרא געהאט א כח צו צוכאפן די מדה צו זייער זייט, און עס איז געווארן אזא ענין פון 'מחולות' רחמנא ליצלן.

**די 'שמחה' מיטן חטא המדבר – האט געברענגט א השראה פון טומאה**

**קומט** אויס, אז ביים חטא המדבר, איז נישט בלויז געווען דער 'עצם החטא', נאר עס איז געווען נאך אסאך ערגער, אז זיי האבן זיך **געפריידט** מיטן חטא, וואס דורכדעם האבן זיי ממשיך געווען אויף זיך א 'רוח הטומאה' וועלכע האט זיך ארייגעזעצט און גערוהט ביי זיי אין הארץ רחמנא ליצלן.

**ביי מתן תורה האבן אידן נאכנישט זוכה געווען צו 'השראת השכינה' – ווייל עס האט געפעלט 'שמחה'**

**דער** ענין פון דער 'רוח הטומאה' וואס האט גערוהט אויף זיי ביים חטא המדבר - דאס איז א זאך וואס זיי האבן נאך קיינמאל נישט געהאט 'מצד הקדושה'! ווייל ביי מתן תורה טרעפט מען נישט דעם ענין פון 'שמחה', און דערפאר טרעפט מען אויך נישט דעם ענין פון 'השראת השכינה'! דער אייבערשטער האט טאקע גערוהט אויפן בארג און גערעדט צו זיי פון דארט, אבער זיי האבן דאך געדארפט שטיין פונדערווייטנס! זיי האבן נישט געמעגט צורירן צום בארג! ווייל אויב איז נישטא קיין 'שמחה' איז נישטא קיין השראת השכינה.

און דוקא דא ביי דעם חטא, וואו עס איז געווען א שמחה פון יענע זייט - איז געווען אויך א 'השראה' פון יענע זייט רח"ל.

**די כפרה אויף דעם חטא איז 'השראת השכינה'**

**דעריבער,** ווען דער אייבערשטער האט געוואלט מכפר זיין אויף דעם חטא, האט דער אייבערשטער געזאגט (שמות כה, ח): "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" - איך וועל קומען רוען צווישן אייך. און ווי די ספרים זאגן[א]: "**בתוך כל אחד ואחד**" - אז דורכדעם וואס עס איז געווען השראת השכינה אינעם משכן, האט אויך יעדער איד באקומען א השראת השכינה ביי זיך אין הארץ. און דאס איז טאקע געווען דער כפרה אויף יענעם חטא - וואס דער עיקר פגם איז דאך געווען די 'השראה' פונעם 'רוח הטומאה' וואס האט זיך אריינגעזעצט ביי זיי אין הארץ, דעריבער איז געווען די כפרה אויף אן אופן פון 'זה לעומת זה', אז די שכינה האט זיך יעצט אריינגעזעצט ביי זיי אין הארץ.

**דעריבער האט דא געמוזט זיין דוקא 'שמחה' - נאכמער ווי ביי מתן תורה**

**אבער** ווי געשמועסט, כדי עס זאל זיין 'השראת השכינה' מוז דאך זיין א 'שמחה של מצוה'. און וויאזוי ווערט א איד בשמחה? דורכדעם וואס דער אייבערשטער איז בשמחה! פונקט ווי דער מדרש זאגט (שמו"ר ב, ה): "מה התאומים הללו אם חשש אחד בראשו חבירו מרגיש, כן אמר הקב"ה כביכול עמו אנכי בצרה" - אידן מיטן אייבערשטן זענען - כביכול - ווי צווילינג ברידער, וואס ווען איינעם טוט וויי דעם קאפ, טוט עס אויך וויי פארן צווייטן, אזוי אויך ווען א איד האט א צרה, טוט עס וויי פארן אייבערשטן. און 'מדה טובה מרובה', איז אודאי, אז ווען עס איז דא א שמחה ביים אייבערשטן - ווערט נתעורר אויך א שמחה ביים איד דא אונטן.

**דערפאר** זאגט טאקע די גמרא: "**אותו היום היתה שמחה לפני הקדוש ברוך הוא כיום שנבראו בו שמים וארץ**" - יענעם טאג פון 'ביום השמיני' וואס דעמאלט איז געווארן דער גמר פונעם 'משכן' (ווייל ביז דעמאלט האט מען דאך עס יעדן טאג צוזאמגעלייגט), וואס דורכדעם

---

א עי' אלשיך פ' תרומה עה"פ ועשו לי מקדש, ובפ' חיי שרה ד"ה שמעני אדוני. ראשית חכמה שער האהבה פ"ו אות יט. של"ה מסכת תענית ריש ד"ה מענין העבודה.

האט געדארפט אראפקומען א 'השראת השכינה' סיי בכלליות צווישן אלע אידן, און סיי בפרטיות, אין יעדעס אידיש הארץ - וואס דאס איז אויך נמשך געווארן פונעם משכן, דעריבער האט טאקע דער אייבערשטער זיך געפריידט מיט א געוואלדיגע 'שמחה', און דורכדעם איז נמשך געווארן א שמחה צו יעדן איד דא אונטן, אלעס, כדי עס זאל טאקע זיין א 'השראת השכינה' אויף אידן - וואס דאס איז די כפרה אויף יענעם חטא.

**די 'שמחה של מצוה' איז געווען, אז די בריאה קומט צום גמר**

**מיט** דעם קען מען פארשטיין דעם ענין פון "**כיום שנבראו בו שמים וארץ**". ווייל כאטש דעמאלט - אינעם ערשטן טאג איז טאקע נאכנישט געווען קיין חטאים, אבער פון צווייטן זייט, איז אבער אויך נאכנישט געווען קיין 'השראת השכינה **בתחתונים**', און דער תכלית הבריאה איז דאך, אז עס זאל זיין השראת השכינה דא אונטן; ווי דער מדרש זאגט (תנחומא נשא טז): "**רצה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים**". ממילא יעצט, אז עס וועט זיין א משכן מיט השראת השכינה, איז די שמחה געווען פונקט אזוי גרויס ווי דעם ערשטן טאג, וויבאלד **יעצט** קומט מען ערשט אן צום תכלית אויף וואס מען האט אלעס באשאפן פונעם ערשטן טאג אנגעהויבן.

**די שמחה פון הקמת המשכן האט מבטל געווען די שמחה פון יענעם חטא**

**דאס** זאגט דער מדרש: "**ויהי ביום השמיני זהו שאמר הכתוב אמרתי להוללים אל תהולו, לחוללים אל תחולו, ענין מחולות כמחולת המחנים**" - מיט דער שמחה פון 'ויהי ביום השמיני', וואס דאס ווייזט דאך אויף די געוואלדיגע 'שמחה של מצוה'; ווי די גמרא לערנט ארויס פונעם גזירה שוה 'ויהי - ויהי', מיט דעם איז געווארן 'אל תהולו', אידן זענען יעצט געווארן אויסגערייניגט פון דער 'הוללות' וואס זיי האבן געהאט ביים חטא המדבר, ווייל 'כשזה קם זה נופל'. אבער וויבאלד דארט טרעפט מען נישט דעם לשון 'הוללות' נאר דעם לשון 'מחולות', דערפאר דרש'נט דער מדרש דעם פסוק מיט א ח': "**לחוללים אל תחולו**" - עטץ זאלט נישט טאנצן מיט אזא סארט טאנץ ווי עס איז געווען דארט, עטץ זאלט נישט נעמען קיין הנאה און חיות פון אזא סארט שמחה, נאר פארקערט, עטץ זאלט טאנצן און זיך פרייען בלויז מיט דער שמחה של מצוה פון תורה און מצוות,

וואס דורכדעם וועט עטץ זוכה זיין צו פארטרייבן דעם ׳רוח טומאה׳ און ממשיך זיין דעם ׳השראת השכינה׳ בלב כל אחד ואחד.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, יעצט אין די לוסטיגע טעג וואס קומען יעצט, די ימי ניסן, וואס דער צירוף איז דאך ׳ישמחו השמים ותגל הארץ׳, עס איז טעג ווען עס איז דא אזא שמחה של מצוה, אידן זענען עוסק מיט די הכנות צום יום טוב פסח בשמחה. זאל מען טאקע זוכה זיין צו השראת השכינה יעדער איינער בפרטיות בלב כל אחד ואחד, און מען זאל מיר שוין זוכה זיין צום השראת השכינה בכלליות אין בית המקדש, בביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

## וְשׁוֹר וָאַיִל לִשְׁלָמִים לִזְבֹּחַ לִפְנֵי ה׳ וגו׳ כִּי הַיּוֹם ה׳ נִרְאָה אֲלֵיכֶם.

**א)** דער כלי יקר לערנט פשט אינעם ׳כי היום׳: **״כי בעצם היום ההוא נראה ה׳ אליהם ולא בימים הקודמים״** - בלויז היינט - ראש חודש ניסן האבן זיי געזען א גילוי פונעם אייבערשטן, אבער ביז יעצט האבן זיי נאכנישט געזען. לכאורה איז שווער, אידן האבן דאך שוין מיטגעהאלטן א ׳מתן תורה׳ וועלכע איז געווען א מורא׳דיגער ׳גילוי שכינה׳, נו, וואס האבן זיי יעצט געזען - וואס זיי האבן נאכנישט געהאט געזען ביז היינט?

**ב)** די גמרא זאגט (מגילה י:): **״אותו היום היתה שמחה לפני הקדוש ברוך הוא כיום שנבראו בו שמים וארץ, כתיב הכא ויהי ביום השמיני וכתיב התם ויהי ערב ויהי בקר יום אחד״** - אין דער טאג וואס מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, איז געווען א גרויסע שמחה ביים אייבערשטן, פונקט ווי דער טאג וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט. לכאורה איז שווער, וואו שטייט דען דער לשון ׳שמחה׳ ביי די פסוקים פון ׳בריאת שמים וארץ׳?

**ג)** דער מדרש (ויק"ר יא, א) זאגט: **"ויהי ביום השמיני ר' ירמיה בר אלעאי פתר קרא בברייתו של עולם וכו' הן הניחו דעתו של הקדוש ברוך הוא והלכו אחר דעתו של נחש"** - דער פסוק גייט ארויף אויף בריאת העולם, וואס אדם און חוה האבן איבערגעלאזט דעם אייבערשטנ'ס דעת און נאכגעגאנגען דעם דעת פונעם נחש". לכאורה דארף מען פארשטיין, וואו קומט דא אהער דער גאנצער ענין פון חטא עץ הדעת?

**ד)** מען געפונט ביי קרבנות א דין, אז א 'מחשבת פיגול' פסל'ט דעם קרבן. און נישט בלויז דער קרבן איז נישט עולה לרצון, נאר עס ווערט אפילו אסור באכילה. לכאורה דארף מען פארשטיין, מילא דער חלק אז א מחשבה האט א כח צו פסל'ן דעם קרבן, דאס פארשטייט מען נאך, וויבאלד דער קרבן איז א רוחניות'דיגע זאך און מחשבה איז אויך א רוחניות'דיגער כח, ממילא האבן זיי א שייכות און די מחשבה קען אים פסל'ן. אבער דאס אז 'מחשבה' - וועלכע איז א רוחניות'דיגע זאך - זאל מאכן אן 'איסור' אויף א דבר מאכל - וועלכע איז א גשמיות'דיגע זאך, דאס איז שוין א גרויסע פלא?

#### הוה אמינא: מען דארף נישט אריינלייגן עבודה אין 'מזון הגשמי'

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. א איד איז דאך צוזאמגעשטעלט פון א נשמה מיט א גוף, און פונקט ווי דער גוף דארף האבן צו עסן און צו טרינקען, אזוי דארף אויף די נשמה באקומען 'מזון רוחני', וואס דאס איז די תורה וואס א איד לערנט און די תרי"ג מצוות וואס א איד איז מקיים. נו, וואלט א מענטש געקענט מיינען, אז דער עיקר דגוש דארף זיין בלויז אויף דעם 'מזון רוחני' פון דער נשמה, דארט דארף מען אריינלייגן אן עבודה און א יגיעה, אבער אינעם 'מזון גשמי' פונעם גוף - דארף מען נישט אריינלייגן קיין עבודה, ווייל דאס איז דאך סייווי גשמיות און איז נישט קיין חלק פון עבודת ה'.

#### אדם הראשון איז געווען אויף דער העכסטער דרגא אין 'מזון הרוחני'

**אבער** ווען מען לערנט פרשת בראשית זעט מען פונקט פארקערט; ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית ב, טו): "וַיַּנִּחֵהוּ בְגַן עֵדֶן לְעָבְדָהּ וּלְשָׁמְרָהּ", זאגן חז"ל (זוה"ק ח"א כז.): "לעבדה ברמ"ח מצות עשה ולשמרה במצות לא תעשה" - אדם הראשון איז געזעסן אין גן עדן

און אפגעהיטן די גאנצע תורה. און זיין קיום התורה איז געווען אויף אזא הויכע דרגא, אז עס וואלט שוין דעמאלט געקענט זיין דער תיקון השלם; ווי די ספרים זאגן (עבודת ישראל לר"ה בשם האר"י), אז ווען אדם הראשון ווארט ווען צו ביז שבת - וואלט שוין דעמאלט געווען דער גמר התיקון. קומט אויס, אז דער 'מזון הרוחני' פון אדם הראשון איז געווען אויף דער העכסטער דרגא.

**די גאנצע ירידה איז געווען נאר צוליב 'מזון הגשמי'**

**נאר** וואס איז געווען? אז ווען עס איז געקומען צום 'מזון הגשמי', דארט האט ער נישט אריינגעלייגט קיין עבודה, נאר ער האט געגעסן וואס ער האט געזען און געגלוסט. און דורכדעם איז געווארן א "וַיְשַׁלְּחֵהוּ ה' אֱלֹקִים מִגַּן עֵדֶן לַעֲבֹד אֶת הָאֲדָמָה אֲשֶׁר לֻקַּח מִשָּׁם", און עס איז געשען אזא מין 'קלקול' אין דער וועלט, און דער תיקון השלם איז געווארן אפגעשטופט ביז ימות המשיח אויף וואס מיר ווארטן נאכאלץ. זעט מען פון דעם פלאי פלאות ווי ווייט די גאנצע תורה איז געוואנדן דוקא אינעם **עסן** פון א איד! אויב עסט ער נישט בקדושה - אפילו אויב ער לערנט און היט די גאנצע תורה אויפן העכסטן אופן, ווי אין גן עדן - פאלט ער אראפ און פארלירט אלע מדרגות! און פארקערט, אויב עסט ער ווי א איד, מיט א קדושה וטהרה - דעמאלט האט דער גאנצער 'לעבדה ולשמרה' א חשיבות און קען אים כסדר ברענגען העכער און העכער.

**אין עבודת האכילה איז דער 'דירה בתחתונים' אסאך גרעסער**

**דער** ענין פארוואס טאקע דער 'עבודת האכילה' איז אזוי גרויס, קען מען פארשטיין מיטן מדרש (תנחומא נשא טז) וואס זאגט: "רצה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים" - דער גאנצער תכלית הבריאה איז, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט וואוינען דא אונטן צווישן מענטשן אויף דער גשמיות'דיגער וועלט. ממילא, דער גאנצער עבודה פון 'מזון רוחני' פון דער נשמה - כאטש דאס ווערט טאקע געטון דורכן מענטש וועלכער האט א גוף און א יצר הרע - קומט עס אבער נישט צו, צו דער חשיבות פון די עבודה פונעם 'מזון הגשמי' פון דער גוף, וואס דאס איז אסאך מער 'בתחתונים', דארט איז דאך דא אסאך א גרעסערע התגברות היצר, און ווען דער איד דינט **דארט** דעם אייבערשטן, ער עסט מיט א גוטע כונה און מיט א קדושה -

דעמאלט ברענגט ער אריין א דירה פארן אייבערשטן אין אסאך א נידריגערן פלאץ, וואס דאס איז דער עיקר תכלית הבריאה.

### דוקא אינעם הייליגסטן פלאץ האט מען עוסק געווען אין מידי דאכילה

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם ענין פון קרבנות. וואס לכאורה איז דאך דאס א פלא, אז דוקא אינעם הייליגסטן פלאץ אויף דער וועלט, דער הייליגער בית המקדש - ברענגט מען גשמיות'דיגע בהמות, און די כהנים זענען עוסק אין 'אכילת בשר', און דוקא דורכדעם האט מען א כפרה; ווי די גמרא זאגט (יבמות צ.): "כהנים אוכלים ובעלים מתכפרים". לכאורה וואלט מען ענדערש געדארפט עוסק זיין דארט אין רוחניות'דיגע עבודות, לערנען און דאווענען מיט תעניתים וכדומה, און נישט אין אזעלכע גשמיות'דיגע ענינים?

**אבער** לויט ווי מען רעדט, פארשטייט מען אז עס איז פונקט פארקערט, דוקא ווייל דער בית המקדש איז אזוי הייליג און די שכינה רוהט דארט, דערפאר האט מען דוקא דארט אריינגעברענגט דעם ענין פון 'עבודת האכילה', כדי צו מאכן דעם **גרעסטן** 'דירה בתחתונים' - אינעם 'מזון הגשמי' וואס דער גוף עסט, אז דאס זאל ווערן נתעלה מיטן גרעסטן קדושת האכילה.

### דוקא פונעם יצר הרע קומט ארויס 'שמחה'

**עס** שטייט (בראשית א, לא): **"וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד"** - דער אייבערשטער האט געזען אז אלץ וואס ער האט געמאכט, איז זייער גוט. זאגט דער מדרש דערויף (ב"ר ט, ז): **"טוב מאוד זה יצר הרע"** - דער עיקר וואס האט געמאכט די בריאה אזוי גוט, איז דאס וואס עס איז דא א יצר הרע. און ווי דער זוהר הק' (ח"א קלח.) זאגט: **"אלמלא יצר הרע חדוה דשמעתא לא הוי"** - ווען נישט דעם יצר הרע, וואלט נישט געווען קיין שמחה אין תורה. מיט דעם וואס מען האט גערעדט, קען מען דאס זייער גוט פארשטיין, ווייל די גאנצע שמחה אין עבודת ה', קומט נאר פון דעם וואס מען מאכט פארן אייבערשטן א 'דירה בתחתונים' אין די נידריגע גשמיות'דיגע ענינים - וואו עס איז פארהאן א גרויסע אחיזה פונעם יצר הרע, וואס דורכדעם ווערט נשלם דער תכלית הבריאה, און דעמאלט באקומט

דער גאנצער 'לעבדה ולשמרה' - דער קיום התורה, אויך א געוואלדיגן חשיבות.

#### דער גילוי פון משכן איז אפילו ביי מתן תורה נישט געווען

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם פסוק: **"כי היום ה' נראה אליכם"** - היינט וועט עטץ זען א גילוי פונעם אייבערשטן, וואס עטץ האט נאך קיינמאל נישט געזען; ווי דער כלי יקר זאגט. ווייל ביז היינט האט עטץ געזען בלויז גילוים אין רוחניות'דיגע ענינים, ווי מתן תורה, אבער היינט - ווען מען הייבט אן מקריב צו זיין **גשמיות'דיגע** קרבנות אין משכן און די כהנים הייבן אן צו עסן די גשמיות'דיגע 'בשר ולחם' - וועט עטץ זען א גילוי פונעם אייבערשטן אויף אן אופן פון 'דירה בתחתונים' אויפן גרעסטן פארנעם.

#### דער משכן האט ווייטער ממשיך געווען די שמחה פונעם 'טוב מאוד – זה יצר הרע'

**דעריבער** זאגט די גמרא: **"אותו היום היתה שמחה לפני הקדוש ברוך הוא כיום שנבראו בו שמים וארץ"** - יעצט ווען מען האט אנגעהויבן צו טון אן עבודה אין 'מזון גשמי', איז געווארן נשלם די 'שמחה' און 'חדוה' וואס דער אייבערשטער האט געזאגט 'טוב מאוד' בשעת בריאת העולם, וואס די כונה איז דאך געווען אויף דער שמחה וואס ווערט דורך די עבודה מיטן יצר הרע - אט דאס איז יעצט אנגעקומען צום שלימות, וויבאלד מען האט אריינגעברענגט אזא קדושת המשכן אין דער 'אכילה גשמית'.

#### אכילת 'הקרבנות' איז דער תיקון אויפן אכילת 'עץ הדעת'

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם מדרש: **"ויהי ביום השמיני ר' ירמיה בר אלעאי פתר קרא בברייתו של עולם וכו' הן הניחו דעתו של הקדוש ברוך הוא והלכו אחר דעתו של נחש"** - דער פסוק דא איז דער המשך פון בריאת העולם, וואס דארט איז אויך געווען דער רצון ה', אז אדם הראשון זאל זיך מקדש זיין אין עבודת האכילה, און דורכדעם זאל זיין א 'דירה בתחתונים', אבער ליידער איז ער נאכגעגאנגען דעם דעת הנחש און ער האט זיך נישט מקדש געווען אין עבודת האכילה. אבער יעצט, הייבט זיך אן דער תיקון אויף דעם, דורכדעם וואס מען וועט ברענגען גשמיות'דיגע קרבנות און די כהנים וועלן

עסן פלייש בקדושה ובטהרה, און דורכדעם וועט זיין דער תכלית הבריאה.

**אין אזא סארט 'אכילה' – קען אפילו א 'מחשבה' פוגם זיין**

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם ענין פון 'פיגול', אז א 'מחשבה רוחנית' קען אסר'ן צו עסן דעם 'בשר גשמי'. ווייל ביי א קרבן איז דאך געווען דער עיקר עבודה, צו דינען דעם אייבערשטן אויך מיטן גשמיות'דיגן אכילה,אז בשעת'ן עסן זאל די **מחשבה** זיין דבוק אינעם אייבערשטן, וואס די סארט עבודה איז גאר נאך א גרעסערן נחת רוח פארן אייבערשטן, אז מען מאכט אים א 'דירה בתחתונים', נו אויב אזוי, איז דאך די גאנצע 'אכילה' א שטיק רוחניות! עס איז א שטיק 'רצון הבורא להיות לו דירה בתחתונים'! נו, אויב אזוי, קען אודאי א מחשבה פסל'ן א דבר מאכל, ווייל די מחשבה איז דאך דא דער עיקר עבודה, ממילא איז פשוט אז א נישט ריכטיגע מחשבה קען פסל'ן דעם מאכל.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל קענען מקיים זיין דעם בכל דרכיך דעהו, זיך מקדש צו זיין אין אלע גשמיות'דיגע ענינים, און דאס זאל טאקע מאכן א 'דירה בתחתונים', און עס זאל זיין טאקע א שמחה למעלה ולמטה, ישמחו השמים ותגל הארץ, מיר זאלן זוכה זיין בקרוב צו דעם גרויסן שמחה, בביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

# לשבת החודש

## הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.

**א)** דער רמב"ן שטעלט זיך אויפן איבריגן ווארט 'לכם', עס וואלט געקענט שטיין "החודש הזה ראש חדשים"?

**ב)** דער מדרש (שמו"ר טו, כא) שטעלט דא צו דעם פסוק (ישעיה מב, ט): "**הָרִאשֹׁנוֹת הִנֵּה בָאוּ וַחֲדָשׁוֹת אֲנִי מַגִּיד**". דארף מען פארשטיין דעם שייכות אהער?

**ג)** אינעם ערשטן פסוק אין דער תורה זאגט רש"י: "**אמר רבי יצחק לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם שהיא מצוה ראשונה שנצטוו בה ישראל ומה טעם פתח בבראשית משום כח מעשיו הגיד לעמו**" - בעצם וואלט די תורה זיך געדארפט אנהייבן מיטן 'החודש הזה לכם' וואס דאס איז די ערשטע מצוה, נאר כדי מען זאל וויסן פון בריאת העולם און יציאת מצרים, דעריבער הייבט ער אן פון בראשית. לכאורה איז שווער, איז דען די מצוה פון לימוד התורה נאר בלויז אויף 'לימוד המצוות'? אין דער תורה איז דאך פארהאן אזויפיל סיפורים און ענינים וואס זענען לכאורה נישט נוגע אויף קיום המצות, און דאך לערנט מען עס און מען איז מקיים דערמיט די מצוה פון 'לימוד התורה'.

**ד)** לויט ווי רש"י זאגט, אז דער עיקר **התחלה** פון דיני התורה, הייבט זיך אן פון 'החודש הזה לכם', מוז דאך זיין, אז עס איז פארהאן עפעס א שייכות צווישן די צוויי 'התחלות', 'בראשית ברא אלקים', מיט 'החודש הזה לכם'. דארף מען פארשטיין דעם שייכות?

**ה)** דערנאך זאגט רש"י: "**בראשית - בשביל התורה שנקראת ראשית דרכו ובשביל ישראל שנקראו ראשית תבואתו**" - די וועלט איז באשאפן געווארן צוליב די תורה און צוליב כלל ישראל. דארף מען פארשטיין, וויאזוי איז מען דאס משלב מיטן ערשטן פשט פון 'כח מעשיו הגיד לעמו'?

**אלע מופתים פון צדיקים איז בלויז חסד ה'**

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער **נועם אלימלך** (ליקוטי שושנה ד"ה לעושה) זאגט, אויף דער חז"ל (זוהר ח"ב צה:), אז דער מין האט געפרעגט פון רבן גמליאל, אויף דאס וואס שטייט אין פסוק (ירמיה י, ז): **"בכל מלכותם מאין כמוך"** - ביי די גוים איז נישטא **נאך** אזא איינער ווי דער אייבערשטער, האט דער מין געפרעגט: "ביי די אידן איז דען יא דא נאך אזא איינער?". האט ער אים געענטפערט: "יא! ביי די אידן איז דא צדיקים וואס טוען אויך נפלאות; ווי מען זעט, אז דער אייבערשטער איז מחיה מתים - און אליהו האט מחיה מתים געווען, דער אייבערשטער מאכט רעגענען - און אליהו האט געמאכט רעגענען". זאגט דער נועם אלימלך: דער חילוק צווישן די נפלאות וואס צדיקים טוען, ביז די נפלאות וואס דער אייבערשטער טוט איז, אז צדיקים קענען גארנישט טון אליינס, נאר זיי זענען מתפלל צום אייבערשטן, און דער אייבערשטער טוט א חסד מיט זיי און הערט אויס זייערע תפלות, אבער דער אייבערשטער דארף נישט אנקומען צו קיינעם, נאר ער אליינס טוט די נפלאות. טייטשט ער דאס אריין אין פסוק: **"לעושה נפלאות גדולות"** - דער אייבערשטער טוט גרויסע נפלאות, אבער **"לבדו"** - ער טוט עס אליינס, אן קיינעמס הילף. אבער **"כי לעולם"** -דאס וואס מען זעט נפלאות אויך דורך צדיקים אויף דער וועלט, דאס איז **"חסדו"** - נאר ווייל דער אייבערשטער טוט א חסד מיט זיי און הערט אויס זייערע תפלות.

**דער צדיק איז ממשיך די חסד – דורכדעם וואס ער גלייבט אז די בריאה איז 'בשביל ישראל'**

**מען** קען אפשר זאגן, אז דער כח וואס דער צדיק האט - צו מאכן נפלאות שלא כדרך הטבע - דאס קומט פון דעם, וואס דער צדיק גלייבט באמונה שלימה אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן צוליב כלל ישראל, ממילא, איז דאך די גאנצע בריאה משועבד צום צדיק, ממילא, מיט דער אמונה, איז ער טאקע ממשיך א כח, צו משנה זיין די בריאה לויט זיין רצון.

**מיט** דעם קען מען טייטשן אויף א צווייטן אופן: **"לעושה נפלאות גדולות לבדו"** - דאס וואס דער צדיק קען באווייזן אזעלכע מופתים, דאס קומט פון זיין אמונה וואס ער גלייבט, אז **"לעולם חסדו"** - אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט 'בשביל

ישראל', כדי צו טון א חסד מיטן כלל ישראל, און ממילא איז די גאנצע וועלט משועבד צום כלל ישראל און זיי קענען שולט זיין אויף דער וועלט.

#### בית דין האט געהאט א שליטה איבער די גאנצע מערכת השמים והארץ

**דער** ענין פון 'החודש הזה לכם' ווייזט אויף דעם ענין, אז דער צדיק האט א שליטה אויף דער בריאה; ווי דער ש"ך (יו"ד סי' קפ"ט ס"ק י"ג) ברענגט פון ירושלמי, אז אויב בית דין האט מעבר געווען די שנה, האט דאס א פעולה אויף דער טבע אז בתוליה חוזרין. זעט מען דאך דא דער ענין פון דעם כח התורה און כח פון כלל ישראל, וואס זיי זענען שולט אויף די מערכת הטבע. און דאס קען זיין דער רמז פון 'לכם', אז דאס איז איבערגעגעבן אין ענקערע הענט, אז לויט וויאזוי עטץ וועט קובע זיין דעם לוח - אזוי וועט זיך פירן די טבע אויף די וועלט.

#### אלעס הייבט זיך אן פון 'בראשית - בשביל ישראל'

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין דעם שייכות צווישן די צוויי 'התחלות', ווייל דער פסוק 'בראשית ברא אלקים' לערנט אונז אויס דעם יסוד, אז 'בשביל ישראל ובשביל התורה' - אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן פאר ערליכע אידן וועלכע זענען דבוק צו דער תורה. און דורכדעם וואס דער צדיק איז שטארק אויסגעקאכט אין דעם יסוד פון 'בראשית' - ווערט די גאנצע טבע נכנע און משועבד אונטער אים, און דורכדעם האט ער דעם כח פון 'החודש הזה לכם', שולט צו זיין אין דער גאנצער בריאה.

####ביידע התחלות זענען מקושר

**דאס** זאגט רש"י: **"אמר רבי יצחק לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם שהיא מצוה ראשונה שנצטוו בה ישראל"** - רש"י רעדט דא אלס דעם ענין פון 'התחלה' - וואס דאס האט א ספעציעלע חשיבות. און דאס זאגט רש"י: די תורה וואלט ווען געדארפט אנהייבן קודם מיט די **דיני** התורה, און שפעטער זאלן שטיין די סיפורים וכדומה, **"ומה טעם פתח בבראשית"** - פארוואס האט די תורה געשטעלט 'בראשית' אלס דעם **ערשטן** פסוק? אויף דעם ענטפערט רש"י: **"משום כח מעשיו הגיד לעמו"** - 'הגיד' איז א

לשון פון 'המשכה'. די תורה האט אנגעהויבן פון בראשית, כדי דורכדעם זאל דער כלל ישראל קענען ממשיך זיין דעם 'כח מעשיו', צו האבן א כח און א שליטה אויף די 'מעשיו', אויף דער בריאה, אז עס זאל זיין נכנע אונטערן איד, וואס דאס איז מען ממשיך דורכדעם וואס מען לערנט דעם ערשטן פסוק 'בראשית', און מען חזר'ט זיך איין, אז אלעס האט דער אייבערשטער באשאפן 'בשביל ישראל שנקראו ראשית'.

**דאס** זאגט דער מדרש: "**הָרִאשֹׁנוֹת הִנֵּה בָאוּ**" - דורכדעם וואס דער ערשטער פסוק 'בראשית' איז געקומען **פריער**, און דער מענטש איז שוין קלאר דערין, אז אלעס איז 'בשביל ישראל', דורכדעם: "**וַחֲדָשׁוֹת אֲנִי מַגִּיד**" - קען מען ממשיך זיין (מגיד לשון המשכה) נייע חידושים און שינוים אין דער בריאה, ווייל די גאנצע בריאה איז משועבד צו דעם מענטש וואס גלייבט באמונה שלימה, אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן בשביל ישראל.

##### 'בשביל ישראל' גייט אויך ארויף אויפן 'גוף' פון א איד

**מען** קען אפשר זאגן, אז דער ענין פון 'בשביל ישראל שנקראו ראשית', דאס גייט אויך ארויף אויף אידישע 'גופים' - נישט בלויז אויף אידישע 'נשמות'. ווייל 'בחירה' איז דאך שייך נאר ביי צוויי זאכן וואס זענען אויס די זעלבע, אבער ביי זאכן וועלכע זענען בכלל נישט אויס ענליך - איז דאך נישט שייך 'בוחר' צו זיין, ווייל עס איז דאך שוין פון זיך אליינס אויסגעוועלט. ממילא, אויב גייט דער ענין פון 'בשביל ישראל' ארויף נאר אויף די נשמה - איז דאך עס נישט קיין חידוש, ווייל די גוים האבן דאך בכלל נישט קיין נשמה. אלא מאי מוז זיין, אז דאס גייט ארויף אויף די אידישע גופים[ב], אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן צוליב די אידישע גופים! ווייל אפילו דער גוף פון א איד איז זייער הייליג און טייער.

##### ניסן איז א זמן פון 'קדושת הגוף'

**בפרט** ווען עס קומט אזא חודש ווי ניסן, וואס דער קדושת לוי זאגט (דרושים לחנוכה ד"ה חינוך המשכן), אז ניסן שפירט אפילו דער **גוף**

---

ב ז"ל תניא פרק מט: "ובנו בחרת מכל עם ולשון, הוא הגוף החומרי הנדמה בחומריותו לגופי אומות העולם".

אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. און עס איז א חודש וואס מען טוט אזויפיל מצוות מיטן גוף, מען עסט מצה און מרור, ד׳ כוסות, סעודות יום טוב. איז דאך דאס א צייט וואס מען דארף זיך איינ׳חזר׳ן דעם ׳בשביל ישראל׳, אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן צוליב אונזערע הייליגע גופים וואס טוען דעם רצון ה׳.

**די הכנה צום פסח - אנגרייטן דעם גוף צו גלייבן**

**דער** עבודת ישראל (לפרשת פרה ד״ה במדרש תנחומא) זאגט, אז מען דארף זיך אנגרייטן מיט א שטארקע הכנה צום פסח, כדי צו קענען מקבל זיין די אלע השפעות פונעם יום טוב. קען זיין אז די הכנה איז טאקע דער ענין, וואס א איד גרייט צו דעם ׳גוף׳ מקיים צו זיין די אלע מצוות, דורכדעם וואס ער חזר׳ט זיך איין, אז די תכלית הבריאה איז געוועזן צוליב דעם הייליגן אידישן גוף וועלכער איז מקיים רצון הבורא! און פונקט ווי דורך די כלליות׳דיגע אמונה פון ׳בראשית - בשביל ישראל׳, ווערט די בריאה נכנע און משועבד אונטערן איד - אזוי אויך בפרטיות, דורכדעם וואס מען גלייבט, אז די וועלט איז באשאפן געווארן צוליב דעם אידישן **גוף** - ווערט דער גוף מזוכך און נכנע, צו טון נאר דעם רצון ה׳.

**א התחדשות אינעם ׳לכם׳**

**מיט** דעם קען מען טייטשן נאך א טייטש אינעם פסוק: **״החודש הזה לכם״**. ׳לכם׳ מיינט דאך אלעמאל ׳צרכי הגוף׳; ווי די גמרא זאגט (סוכה מ.): **״לכם כל צרכיכם״**. דאס זאגט דער פסוק: **״החודש הזה״** - דער חודש ניסן איז א התחדשות אינעם **״לכם״** - אין די אלע עניני הגוף, אז דאס אלעס ווערט נתחדש מיט א קדושה פון ׳בשביל ישראל׳, אז דער גוף איז הייליג און טייער פארן אייבערשטן.

## דברי כיבושין

**ממילא** קען זיין, אז [דער ענין וואס] מיר זאגן מיר, אז אפילו דער **גוף** איז אויך משיג, [דאס איז זייער נוגע] כאטש א איד איז דאך צובראכן, ער ווייסט דאך ביי זיך וואו ער האלט - אין דעם ׳כובד הגלות׳, מיט דעם ׳כובד הנסיונות׳ וואס האט דאך נישט קיין שיעור. אבער מען דארף אבער וויסן [אז] עס איז דא א חלק [פון] ״ויגבה לבו

בדרכי ה'". [מען טאר] נישט אריינפאלן חלילה אין א יאוש, [צו טראכטן]: "וואס בין איך ראוי [צו טון] אזעלכע הייליגע מצוות?!". [אויב מען טראכט אזוי], גיבט מען דאס א טוה [אפ] 'כמצות אנשים מלומדה', אבי יוצא צו זיין. אבער ער פילט נישט אז [מען פארלאנגט אז] ער זאל זיך נעמען [צייט, צו] אריינטראכטן און עפעס זיך צוגרייטן, האבן א הכנה, מיט אן אופן פון 'תשובה' און 'אהבה' וכדומה.

**דער** גוף פון א איד איז זייער טייער און זייער חשוב! אפילו אין דעם דור אין דעם חשכות! מען האט נישט קיין השגה ווי ווייט עס איז חש וב אויבן! עס שטייט אין **דברי חיים** (פרשת נצבים ד"ה במדרש תנחומא), [אז] מסתמא איז נאך דא זאכן וואס **דער** דור האט אויך מתקן צו זיין. [ווי חז"ל זאגן] (במדבר רבה יח, כב): "לא ברא הקב"ה דבר אחד לבטלה", מסתמא איז נאך דא [עפעס אין] **אונזערע** מצות! אז א איד זאגט "**אשר קדשנו במצותיו וצונו על אכילת מצה**" - איז ער 'בוקע רקיעים', וואס [עס] האט נישט קיין שיעור און קיין ערך! כאטש ער ווייסט ביי זיך וואו ער האלט, אבער פונדעסטוועגן, **דאס** איז חשוב! "לא נברא העולם אלא בשביל ישראל".

**מען** זעט דאך, די גאנצע הכנה וואס איז געווען [ביי יציאת מצרים], איז [נאר] געווען 'פסח', און 'מילה' - [וואס דאס איז] אויך א 'דבר שבגוף', דאס איז געווען די גאנצע הכנה צו יציאת מצרים - די אלע מצריים מעביר צו זיין. [און] די 'הכנה' [היינט] איז, צו וויסן [ביי זיך]: "**סוף כל סוף בין איך דאך א איד! און די וועלט איז באשאפן געווארען פאר מיר! [נו], וויל איך זיין א איד [מיט] עפעס א מחשבה פון תשובה!**".

**די** גאנצע גאולת מצרים איז דאך געווען [בתוך ירידה], [אז] אפילו א מלאך האט דאך נישט געקענט אריין! דאס 'התגשמות' איז דאך געווען אין לשער. [און דאך איז פלוצלינג] "עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים", עס איז געקומען מיט אזא 'התעוררות', מיט א 'גדלות ראשון'. [נו], איז עס דאך א זמן [וואס] עס גייט גארנישט על פי חשבון! [און] אויב עס גייט נישט על פי חשבון, קענען מיר אונז נישט רעכענען, מען זאל זיך חלילה [לאזן] אריינפאלן אין יאוש פון אונזערע מצבים, [ניין], היינט איז נישטא קיין חשבון! עס איז 'למעלה

מן החשבון׳! און יעדע תנועה פון א ׳גוף ישראל׳ האט נישט קיין שיעור ווי [ווייט] דאס איז חשוב.

**ממילא**, דארף מען זיך נעמען אין די האנט אריין. [דו] ביסט צובראכן? זאג א שטיקל תהלים! עס וועט אזוי זיין חשוב! [דו] וועסט זען! האסט נישט קיין השגה! לערן א שטיקל גמרא, [אפילו נאר] דריי שורות גמרא - וועסטו זען דאס וועט דיך אויפלייכטן דיין נשמה! עס וועט דיר אריינברענגען אן התעוררות! עס וועט אין דיר אריינברענגען א ׳שמחה׳ און אן ׳אהבה׳ - צו קענען צוקומען צו די הייליגע ימים הקדושים.

**דאס** קען זיין, מיינט ער, אפשר, דער עבודת ישראל: "מען זאל זיך צוגרייטן צו דעם הייליגן יום טוב, מיט דעם ׳ניסן׳, מקבל צו זיין די השפעות". קען זיין [אז די הכנה איז], צו צוגרייטן דעם ׳ויגבה לבו בדרכי ה׳׳! ווייל אויב מען הייבט אן מיט דעם ׳יאוש׳, מיט דעם ׳ענוה פסולה׳ - [איז אין לשער] וואס מען פאלט אריין! וואס דער תולדות זאגט (פרשת שלח אות ו׳), אז עס איז נאך ארגער ווי ׳גאות׳!

**[די** הכנה איז], אז דו זאלסט וויסן אז עס איז חשוב! מען ווארט [אין הימל] אויף דיין ׳כזית מצה׳! מען ווארט אויף דיינע ׳מצות דרבנן׳ און ׳דאורייתא׳ - ווארט מען למעלה! אזויווי עס שטייט, און אין זוהר זאגט מען דאך: הקב"ה רופט [צוזאם] די ׳פמליא של מעלה׳, און ער זאגט: "קומט און זעט ווי מיינע קינדער טוען זיך פרייען מיט מיין אויסלייזונג, און זיי דערציילן דעם סיפור יציאת מצרים". זאגט דער זוהר הקדוש: "[די ווערטער] ׳סלקין לעילא ודחלין קמיה׳ - עס ברענגט אריין ׳יראה׳, און די גאנצע פמליא של מעלה הייבט אן מורא צו האבן פארן אייבערשטן". דאס אלעס ווערט געטון דורך דעם בשר ודם.

**זאלסט** וויסן, אז דו זאלסט צוגיין צו א מצוה [מיט אמונה, אז דו ביסט געליבט ביים אייבערשטן! [דו] ביסט נישט חלילה פארקערט, נישט חלילה מיט שפלות, נאר ביסט געליבט! ביסט חביב ביים אייבערשטן! דער מענטש אליינס זאל זיך אויך מדבק זיין במדותיו, אז עס קומט צו א מצוה זאל ער [אליינס] וויסן, אז דא גייט טון א גוטער פריינד פון כביכול! בנים למקום! וואס [דאס איז] דער

תכלית וואס מען ווארט דערויף [אין הימל], זאלסט וויסן אז דאס איז אזא חיבה - חיבה יתירה נודעת לו - אז דו ביסט נישט קלענער פון די מלאכי השרת! א מענטש זאל וויסן, אז ער איז אהוב פארן אייבערשטן! דער אייבערשטער וויל אים! און אין דעם דור איז יעדער איינער - דער 'פחות שבפחותים', וואס ער וויל נאר זיין א איד - איז עס חשוב.

**און** מיט דעם כח וואס א איד וועט זיך מחזק זיין, וועט אים דער אייבערשטער העלפן, אז ער זאל טאקע ווערן נתחזק, זיין פנימיות זאל ווערן נתחזק, מען זאלן קענען זוכה זיין מקבל צו זיין די הייליגע זמנים הקדושים מיט די הייליגע מצוות וואס דאס גיבט דאך חיות. איך האב דאס געהערט פון א גרויסן ערליכן איד, האט ער געזאגט אז: "ווען נישט די ימים טובים וואלט מען עס נישט געקענט אויסהאלטן". אודאי, א צדיק פיהלט דאס ביתר שאת, אבער באמת איז דאס געזאגט געווארן ביי יעדן איינעם.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן זוכה זיין טאקע, מקבל צו זיין די השפעות ברוחניות ובגשמיות. מיר זאלן זוכה זיין נתקרב צו ווערן צום אייבערשטן, אנחנו ובנינו ובני בנינו, מען זאל פילן א חיות אין דער קדושה, און אפגעהיטן ווערן פון די אלע שלעכטע זאכן רחמנא ליצלן, חלילה אז מען האט א שייכות צו די טומאה, צו די 'כלי טמא' - איז זייער ביטער! דאס אליין וואס מען רייניגט זיך דאס הארץ, מיט דעם קאפ און די אויגן - ווערט מען נתקרב, אזויווי עס שטייט (יומא לט.): "אדם מקדש עצמו מעט למטה מקדשין אותו מלמעלה".

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן זוכה זיין צו די הייליגע טעג הבאים לקראתינו לשלום, מיט נחת און מיט געזונט און מיט השפעות טובות. עס איז דאך א זמן פון 'בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל', זאלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

## הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.

**א)** רש"י זאגט: **"נתקשה משה על מולד הלבנה וכו' והראה לו באצבע את הלבנה ברקיע ואמר לו כזה ראה וקדש"** - משה רבינו איז געווען שווער צו פארשטיין דעם ענין פון 'מולד הלבנה', ביז דער אייבערשטער האט אים געוויזן מיט די פינגער און געזאגט 'כזה ראה וקדש'. לכאורה איז שווער, וואס איז אים דא געווען אזוי שווער צו פארשטיין? מען זעט דאך, עס איז דא א 'הלכות קידוש החודש', וואס יעדער תלמיד חכם קען דאס פארשטיין?

**ב)** אויך דארף מען פארשטיין, וואס איז דער רמז וואס דער אייבערשטער האט אים געוויזן דוקא מיט דער **פינגער**? פארוואס איז נישט געווען גענוג, אז ער זאל אים ווייזן אויפן הימל א קליינע לבנה, און ער זאל זען וויאזוי עס דארף אויסזען?

**ג)** בכלל דארף מען פארשטיין, וואס איז דער גאנצער ענין פון 'החודש הזה לכם ראש חדשים', אז אידן רעכענען לויט די לבנה און די אומות העולם רעכענען לויט די זון. פארוואס איז דאס טאקע אזוי? וואס ליגט דא דערין?

**ד)** די קושיא ווערט נאך שטארקער ווען מען קוקט אריין אין דער גמרא (חולין ס:): **"אמרה ירח לפני הקב"ה, רבש"ע אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד, אמר לה לכי ומעטי את עצמך, אמרה לפניו רבש"ע הואיל ואמרתי לפניך דבר הגון אמעיט את עצמי וכו', אמר לה זיל ליקרו צדיקי בשמיך יעקב הקטן שמואל הקטן דוד הקטן"** - די לבנה האט גע'טענה'ט, אז עס פאסט נישט אז צוויי קעניגן זאל זיך באנוצן מיטן זעלבן קרוין, האט איר דער אייבערשטער געהייסן ווערן קלענער, און אלס פיוס האט איר דער אייבערשטער געזאגט, אז צדיקים וועלן אויך ווערן אנגערופן מיט דיין נאמען 'קטן'; ווי יעקב הקטן, שמואל הקטן און דוד הקטן. לכאורה ווען מען לערנט די גמרא, זעט דאך אויס בפשטות, אז דאס וואס די לבנה איז געווארן קליין, איז געווען אן **עונש** פאר איר. נו אויב אזוי, פארוואס דארפן אידן מיטליידן מיט איר, אז זיי זאלן דארפן רעכענען צו דער קליינער לבנה - אין דער צייט וואס די גוים רעכענען צו דער גרויסער זון? און

אויך, וואס איז דער ענין אז צדיקים ווערן גאר נענש צוזאמען מיט דער לבנה אז זיי הייסן אויך 'קטן'?

**ה)** אויך דארף מען פארשטיין, וואספארא שייכות האט דער ענין פון רעכענען צו די לבנה דוקא מיטן חודש ניסן און פסח? די מצוה וואלט דאך לכאורה פונקט אזוי געקענט זיין אויף אן אנדערן חודש?

**ו)** די גמרא זאגט (ר"ה י:): **"רבי אליעזר אומר בתשרי נברא העולם רבי יהושע אומר בניסן נברא העולם"**. איז באקאנט די קושיא וואס אלע ברענגען פונעם אר"י הק' (שעה"כ ראש השנה א'), אז וויאזוי איז שייך זיך צו קריגן אין א מציאות, וואס עס קומט אויס אז איינע פון די צוויי שיטות איז נישט אמת חס ושלום? נאר מען מוז זיכער זאגן, אז באמת איז נישטא דא קיין מחלוקת, נאר איינער רעדט פון איין בחינה און דער צווייטער רעדט פון א צווייטע בחינה, א שטייגער ווי די גמרא זאגט אסאך מאל: 'מר אמר חדא ומר אמר חדא ולא פליגי'. דארף מען פארשטיין, וויאזוי מען קען מסביר זיין זייער מחלוקת?

**ז)** דער **קדושת לוי** (דרושים לחנוכה ד"ה חינוך המשכן) שרייבט, אז חודש 'תשרי' ווייסט די 'נשמה' אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, און חודש 'ניסן' ווייסט אפילו דער **גוף** אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. דארף מען פארשטיין די סיבה דערצו? און אויך, וואס מיינט דאס, אז דער גוף איז אויך משיג?

**ולא יכלו להתמהמה – מען וואלט אריינגעפאלן אין שער הנ'**

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. עס איז באקאנט פון אלע ספרים (בשם חסד לאברהם מ"ב נהר נו), אז אידן זענען געווען משוקע אין די מ"ט שערי טומאה, און אויב אידן וואלטן חלילה געבליבן אין מצרים נאך איין רגע, וואלטן זיי אריינגעפאלן אינעם שער הנ' דטומאה, און זיי וואלטן שוין נישט געקענט ארויסגיין פון דארט, און דעריבער האט די גאולה געמוזט זיין 'בחפזון', ווייל מען האט זיך געמוזט צואיילן נאך איידער מען פאלט אריין אינעם שער הנ'.

**פון שער הנ' וואלט דער גוף נישט געקענט אויסהאלטן דעם זיכוך**

**מען** זאגט נאך א ווארט פונעם הייליגן סטרעליסקער זי"ע וואס ער האט געפרעגט אויף דעם: היפלא מה' דבר, דער אייבערשטער

איז דאך א ׳כל יכול׳, נו, וואס הייסט דאס, אז אויב זיי וואלטן אריינגעפאלן אינעם שער הנ׳ - וואלטן זיי נישט געקענט ארויסקומען?

**האט** דער סטרעליסקער געענטפערט: אודאי וואלטן אידן געקענט ווערן אויסגעלייזט - אפילו פונעם שער הנ׳, אבער דעמאלט וואלט מען געדארפט האבן אזא מין **שטארקע** זיכוך - זיך צו אויסלייטערן פון דער טומאה - אז דער **גוף** וואלט עס נישט געקענט אויסהאלטן, און ממילא וואלט שוין דער גוף דארט געבליבן, און בלויז די נשמה וואלט געווארן אויסגעלייזט. אבער יעצט אז מען איז נאכנישט אנגעקומען צום שער הנ׳, איז אויך דער גוף ארויסגעקומען פון מצרים. דאס הייסט, אז דער ׳זיכוך׳ וואס עס פעלט זיך אויס צו אויסלייטערן פון די מ״ט שערי טומאה - דאס האט דער גוף **יא** געקענט פארנעמען, און דערפאר איז דער גוף אויך געווארן אויסגעלייזט פון מצרים צוזאמען מיט דער נשמה.

**דאס ׳איילעניש׳ איז געווען נאר כדי ארויסצונעמען אויך דעם ׳גוף׳**

**קומט** אויס, אז דער גאנצער ׳איילעניש׳ וואס מען האט זיך אזוי צוגעאיילט און מען איז ארויסגעלאפן מיטן טייג - נאך איידער עס האט געהאט צייט צו ווערן חמץ׳דיג - דאס איז אלעס געווען, כדי דער **גוף** זאל אויך ווערן אויסגעלייזט פון מצרים. ממילא, פארשטייט מען שוין דעם קדושת לוי, פארוואס ניסן שפירט אויך דער ׳גוף׳ אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, ווייל דער גאנצער איילעניש איז דאך געווען כדי אויסצולייזן אויך דעם גוף און אים אויסלייטערן פון די מ״ט שערי טומאה, **און דאס חזר׳ט זיך איבער יעדעס יאר נאכאמאל**.

**דער גוף וואלט געבליבן פארזונקען אין דער ׳טומאה׳ פון מצרים**

**נאר** מען דארף אביסל מסביר זיין, וואס מיינט דאס אז דער גוף וואלט נישט געקענט ארויסגיין פון מצרים? ווי איז שייך אז מען זאל ארויסגיין פון מצרים אן קיין גופים?

**נאר** דער פשט קען זיין, אז אודאי פון ׳לאנד מצרים׳ - וואלטן אידן ארויסגעגאנגען ׳בפועל׳, די נשמה מיטן גוף צוזאמען. אבער פון דער ׳טומאת מצרים׳, וואלט בלויז די נשמה ארויסגעגאנגען און געווארן הייליג און דערהויבן, אבער דער גוף וואלט געבליבן דארט.

דאס הייסט, אז דער גוף וואלט געבליבן פארגרעבט און טמא מיט דער זוהמת מצרים. און דערפאר האט מען זיך אזוי צוגעאיילט בחפזון, כדי אז אויך דער גוף זאל דערשפירן און ווערן נתקדש מיט דער קדושה פון יציאת מצרים.

#### ניסן איז געווארן א נייע וועלט: דער 'גוף' ווייסט פונעם אויבערשטן!

**מיט** דעם קען מען שוין פארשטיין דעם מחלוקת צווישן רבי אליעזר און רבי יהושע. אז אינ'אמת'ן קריגן זיי זיך נישט, נאר רבי אליעזר זאגט: "**בתשרי נברא העולם**", ווייל ער רעדט פון דער פשוט'ער בריאה וואס דער מענטש איז באשאפן געווארן 'יש מאין' - מיט א צוזאמענשטעל פון א נשמה מיט א גוף, וואס די נשמה איז טאקע א 'רוחני' און איז משיג גרויסע השגות, אבער דער גוף איז א 'גשמי', און ער ווייסט נישט פון די אלע זאכן. קומט רבי יהושע און זאגט: "**בניסן נברא העולם**" - ניסן איז געווארן א מין חידוש וואס איז ממש ווי א נייע וועלט! ניסן איז נתחדש געווארן, אז אויך דער גוף זאל ווערן אויסגעלייטערט און וויסן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט! און דאס איז אזא מין אויפטוה, וואס איז אזוי חשוב ווי א גאנצע בריאת העולם.

#### גאולת הגוף: דער גוף ווייסט אז 'ער' קען גארנישט

**מען** קען אפשר זאגן א שטיקל בחינה דערין אויף למעשה, וואס מיינט דאס אז דער גוף איז געווארן אויסגעלייזט און ער איז אויך משיג דעם אייבערשטן. ווייל דער גוף איז דאך פארנומען מיט 'עשיה' און 'השתדלות', ער ארבעט פאר פרנסה און ער ערלעדיגט אלע זיינע הצטרכות'ן. און דארט איז דא א גרויסער חשש, אז דער גוף זאל חלילה אנהייבן צו שפירן א הרגש פון 'כוחי ועוצם ידי עשה לי החיל הזה': "איך האב אן **אייגענעם** כח און הצלחה! **איך** בין דער וואס **טוט**! א דאנק **מיין** השתדלות - בין איך מצליח!". און דאס איז געווען דער 'גאולת הגוף', אז דער גוף האט געשפירט: "איך טוה גארנישט! איך בין טאקע מחויב צו מאכן השתדלות, אבער מיין גאנצע הצלחה קומט בכלל נישט פון מיין 'עשיה' - נאר אלעס איז בלויז א השפעה וואס דער אייבערשטער גיבט מיר!".

**לכי ומעטי את עצמך: אן 'עצה' נישט אריינצופאלן אינעם 'כוחי ועוצם ידי'**

**דער** 'זון' און 'לבנה' איז אלעמאל איינגעטיילט, אז דער זון' איז די העכערע בחינה, און די 'לבנה' איז די קלענערע בחינה; ווי מען זעט אין דער גמרא (בבא בתרא עה:): "פני משה כפני חמה ופני יהושע כפני לבנה". לענייננו קען מען זאגן, אז דער זון - וואס דאס איז די העכערע בחינה, דאס איז מרמז אויף דער נשמה. און די לבנה וואס דאס איז די קלענערע בחינה, דאס איז מרמז אויפן גוף. און דאס איז געווען די טענה פון דער לבנה: "**אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד?**" - דער גוף פרעגט, ווי קען איך שיינען מיט אן אייגענעם אור - אן דארפן אנקומען צו דער אור פון דער נשמה? איך האב מורא אז איך וועל זיך אנהייבן איינרעדן אז איך האב עפעס אליינס געטון מיט מיינע אייגענע כוחות!". האט איר דער אייבערשטער געזאגט: "**לכי ומעטי את עצמך**" - די עצה צו דעם איז, דו זאלסט טאקע ווערן קליין און צובראכן ביי דיר. און דאס איז נישט געווען קיין 'עונש', נאר דער אייבערשטער מיט זיין רחמנות, האט צוגעהערט דעם גוף'ס בקשה און אים **געהאלפן**, מיט דעם וואס ער האט אים געמאכט קליין. דאס הייסט, ער האט נישט קיין אייגענעם אור אפילו פאר איין מינוט, נאר ער מוז א גאנצן צייט צוקומען צו דעם שמש - וואס דאס איז די נשמה, דער 'חלק אלקי ממעל' - זאל אים באלייכטן און אריינגעבן א ליכטיגקייט. און דורכדעם 'לב נשבר' וואס ער האט ביי זיך, וועט ער ניצול ווערן פון זיך איינרעדן אז ער איז מצליח דורכן 'כוחי ועוצם ידי'.

**איך בין 'גארנישט' – און 'דאך' העלפט מיר דער אייבערשטער: דאס איז גורם שמחה!**

**אבער** דאס אלעס נעמט גארנישט אוועק פון דער שמחה פון א איד. ווייל א איד דארף טאקע וויסן אז ער איז נאר א 'מקבל', אבער ער טאר נישט ווערן דורכדעם בעצבות. נאר פארקערט, דוקא דורך די 'ענוה' זאל ער אנקומען צו 'שמחה'; ווי עס שטייט (ישעיה כט, יט): "וְיָסְפוּ עֲנָוִים בַּה' שִׂמְחָה". אז כאטש ער קען גארנישט אליינס, דאך העלפט אים דער אייבערשטער און גיבט אים כל מחסורו.

**אין שער הנ' – וואלט דער גוף אריינגעפאלן אין מרה שחורה פון הערן וואספארא 'גארנישט' ער איז**

**מיט** דעם פארשטייט מען דאס ווארט פונעם סטרעליסקער, אז טאמער וואלט מען חלילה אריינגעפאלן אינעם שער הנ', וואלט דער גוף נישט געקענט אויסהאלטן דעם שווערן 'זיכוך'. ווייל אט די ידיעה וואס א מענטש ווייסט באמת, אז ער האט נישט קיין שום אייגנס און ער איז בלויז א 'מקבל' - דאס איז א מורא'דיגער 'זיכוך הגוף'. און טאמער וואלט מען חלילה אנגעקומען אינעם שער הנ' - וואלט דער גוף נישט געקענט אויסהאלטן די יסורים פון שפירן אזא אפסיות ביי זיך - און נאך אויך בלייבן בשמחה! און ממילא, וואלט דער גוף דאס נישט אנגענומען, נאר ער וואלט ווייטער געבליבן מיטן 'כוחי ועוצם ידי'. די נשמה וואלט טאקע געקענט זיין דערהויבן אין דער קדושה, אבער דער גוף וואלט געבליבן משוקע אין דער קליפה פון 'כוחי ועוצם ידי'. און דערפאר איז געווען די גאולה מיט אזא 'איילעניש', כדי דער גוף זאל קענען מזוכך ווערן און ארויסגיין פון דער כפירה פון 'כוחי ועוצם ידי', און גלייבן אז אלע זיינע הצלחות איז נאר פונעם אייבערשטן - און בכלל נישט צוליב זיינע השתדלות'ן.

**קידוש החודש: זיך שפירן ווי א לבנה וואס האט נישט קיין אייגענעם אור**

**איידער** דער אייבערשטער איז געגאנגען ארויסנעמען דעם כלל ישראל פון מצרים - נישט בלויז זייערע נשמות - נאר אויך זייערע גופים, האט ער זיי געהייסן די מצוה פון 'קידוש החודש', אז זיי זאלן רעכענען צו דער לבנה און נישט צו דער חמה. ווייל די גוים וואס זיי ליגן אינעם שער הנ' - רעכענען צו דער חמה. ווייל זיי זענען קיינמאל נישט צובראכן ביי זיך! זיי האבן קיינמאל נישט קיין הרגשה, אז איך האב גארנישט אליינס. נאר זיי שפירן א גאנצן צייט דעם 'כוחי ועוצם ידי'. אבער אידישע קינדער וואס זייער גוף איז געווארן אויסגעלייטערט פון די מ"ט שערי טומאה, און צוגעקומען צו דער הכרה אז **איך** האב נישט גארנישט! איך מוז צוקומען צום אייבערשטן זאל מיר העלפן און זאל מיר באלייכטן! דעריבער דארפן זיי ציילן צו דער לבנה - וואס זי האט נישט קיין אייגענעם אור, נאר ווייסט שטענדיג אז זי דארף כסדר אנקומען צו א 'משפיע'. און דערפאר

ווערן טאקע די צדיקים אנגערופן אויף איר נאמען 'קטן', ווייל דאס איז גאר די 'מעלה' פון דער לבנה - נישט דער 'עונש'.

**וויבאלד דער מענטש טוט למעשה מיט זיינע הענט - מוז ער ציילן צו דער לבנה**

**מיט** דעם קען מען פארשטיין דעם "**נתקשה משה על מולד הלבנה**" - פאר משה רבינו איז שווער געווען, פארוואס ציילן אידישע קינדער צו דער לבנה - וועלכע איז מרמז אויפן גוף, און נישט צו דער זון - וועלכע איז מרמז אויף דער נשמה. "**והראה לו באצבע את הלבנה**" - דער אייבערשטער האט אים געוויזן אז דער מענטש האט 'אצבעות' וואס מיט דעם טוט ער 'מעשים', און כדי דער מענטש זאל זיך נישט איינרעדן אויף זיינע 'מעשים', אז ער טוט עפעס, מוז ער דוקא צושטעלן זיינע 'אצבעות' צו דער 'לבנה'; ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים ח, ד): "**מעשי אצבעותיך ירח**" - ווייל פונקט ווי די לבנה האט נישט קיין אייגענעם אור, נאר מוז א גאנצן צייט זיין א 'מקבל', אזוי דארף אויך א מענטש געדענקען א גאנצן צייט, אז ער קען גארנישט אליינס! נאר ער מוז א גאנצן צייט אנקומען צו סייעתא דשמיא! און דורכדעם וועט ער נישט ליגן אין טומאת מצרים, נאר עס וועט זיין "**כזה ראה וקדש**" - אפילו זיין גוף וועט זיין הייליג און וויסן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט.

## דברי כיבושין

**דער** אייבערשטער זאל טאקע העלפן, אז עס זאל נתגלה ווערן דער **בניסן עתידין ליגאל**. דאס כלל ישראל זאל דערהויבן ווערן פונעם גרויסן שפלות.

**מיר** זאלן זוכה זיין, נתקרב צו ווערן צום הייליגן באשעפער און צו די הייליגע תורה הקדושה, און צו די הייליגע ימים טובים. מיר זאלן האבן א שייכות [צו די ימים טובים], דער אייבערשטער זאל אריינגעבן א חיות און א זיסקייט אין די ימים טובים - וואס זענען דאך אזוי טייער! און אזוי חשוב! און אזוי גוט!

**מען** זאל נישט מטומטם ווערן פון דעם גשמיות, נאר מיר זאל מיר זוכה זיין טאקע, אז דער אייבערשטער זאל אריינגעבן א 'הארה בלבבינו' מקבל צו זיין די הייליגע ימים טובים און דער הייליגער

חודש ניסן, וואס דער עבודת ישראל זאגט (לפרשת פרה ד"ה במדרש תנחומא) אויף דעם 'ניסן', אז דאס דארף מען האבן א 'הכנה' מקבל צו זיין די השפעות פון ניסן. [ווייל] אין ניסן איז דא השפעות וואס האט נישט קיין שיעור.

**זאלן** מיר זוכה זיין, מקבל צו זיין [די השפעות] מתוך נחת והרחבה, ברוחניות ובגשמיות. מען זאל מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

## דיבורים וסיפורים - ממה שסיפר תחת השיחים במשך השנים

### הרה"ק רבי שלמה מראדאמסק התפארת שלמה זי"ע
### כ"ט אדר תרכ"ו

#### א פיוס פון א צדיק...

**דער** תפארת שלמה איז צוויי מאל געווען אין צאנז אויף שבועות. איינמאל איז עס געווען פשוט, ווייל ער האט געוואלט פארן צום צאנזער רב אויף שבועות. און אן אנדערן מאל איז געווען א מעשה אונטער דעם, אז דער תפארת שלמה האט געהאט א סכסוך מיט קשאנובער רב זצ"ל איבער א שוחט אין א געוויסן שטאט. און דער צאנזער רב האט זיך אנגענומען פארן זון דער קשאנובער רב.ביים טיש האט דער תפארת שלמה געלאזט פאלן ווערטער וועלכע זענען עפעס נישט געווען אינגאנצן לפי כבודו פונעם צאנזער רב. איז דארט געווען דער רבי ארון קראקאווער זצ"ל - א זון פונעם מאור ושמש, האט ער זיך אנגערופן צום תפארת שלמה: "דער ראדאמסקער רבי שפילט זיך מיט פייער". האט ער זיך גלייך געגעבן א כאפ: "אוי, אזוי? נו וואס זאל איך טון?" (ער האט שוין גלייך געוואלט תשובה טון...). עס איז דעמאלט געווען א שבת פאר שבועות, האט רבי ארון געזאגט: "דער רבי זאל פארן קיין צאנז אויף שבועות!". איז ער דעמאלט טאקע געפארן אויף שבועות און אלע חסידים זענען מיטגעפארן מיט אים קיין צאנז.

#### ער איז שוין גרייט צו קבלת התורה

**ווען** דער תפארת שלמה איז געווען אין צאנז אויף שבועות, איז דער צאנזער רב אריבערגעגאנגען ערב שבועות אים באזוכן. ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון דארט, האט זיך דער צאנזער רב אנגערופן: **"עטץ זענט א מבין? דער ראדאמסקער רבי איז שוין גרייט צו קבלת התורה!"**. און די זעלבע זאך האט דער תפארת שלמה זיך אנגערופן צו זיינע ארומיגע: **"עטץ האט געזען דעם צאנזער רב? ער איז שוין גרייט צו קבלת התורה!"**.

זיי האבן געוואוסט וויאזוי מען זעט, צי יענער איז שוין גרייט צו קבלת התורה...

הרה"ק רבי ישראל מ'בארנוב בן הרה"ק רבי אליעזר מדזישקוב זי"ע
ר"ח ניסן תר"ל

### נקי מן החטא...

**דער** בארנובער זיידע רבי ישראל[ג] זצ"ל, איז אמאל געווען ביים רוזישינער זצ"ל. האט דער רוזשינער אים אנגעקוקט און זיך אנגערופן: "נקי מחטא כמו בן שנה נער".

### ברכות שמים מעל

**דער** טאטע זצ"ל (וואס ער איז געווען אן אור אייניקל פונעם בארנובער רב) האט דערציילט. אז ווען דער בארנובער רב האט חתונה געהאט, איז שוין דער ראפשיצער רב געווען דעמאלט אויפן עולם העליון. און דער בארנובער רב איז געשטאנען ביי דער חופה. אינמיטן פילט ער ווי איינער לייגט ארויף די האנט אויף זיין קאפ. האט ער זיך געגעבן א דריי אויס צו זען ווער דאס איז, זעט ער ווי דער זיידע דער הייליגער ראפשיצער זיידע זצ"ל - שטייט דארט און לייגט ארויף די הענט אויף זיין קאפ, און וואונטשט אים אן לכבוד די חתונה.

### שיריים פון סעודה המפסקת...

**דער** טאטע זצ"ל, פלעגט דערציילן, אז דער זיידע רבי יעקב יצחק זצ"ל, האט איין יאר יום כיפור ביינאכט זיך געשפירט זייער שלעכט, און ער האט געמיינט אז די כוחות לאזן זיך אים אויס. אבער ער האט נישט געוואלט אויספאסטן, איז ער זיך געגאנגען לייגן. אינמיטן שלאף חלומ'ט ער ווי דער שווער - דער בארנובער רב, וועלכער איז שוין נישט געווען בעלמא הדין - קומט צו צו אים מיט א טעלער עסן, און ער זאגט אים: "דא האב איך דיר געברענגט שיריים פון די סעודה המפסקת!". האט ער זיך אנגערופן צום שווער: "עס איז דאך יום כיפור היינט, און מען טאר נישט עסן!". האט אים דער

ג ער איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק רבי דוד'קע זאבליטובער זצ"ל - וועלכער איז געווען א זון פונעם אהבת שלום זצ"ל, און אן איידעם פון רבי משה לייב סאסובער זצ"ל. אונזער זיידע הרה"צ רבי יעקב יצחק וואגשאהל זצ"ל פון פריסטיק (רבי חיים ראובן -דעם טאטנ'ס טאטע- איז געווען זיינס א זון) איז געווען אן איידעם ביי רבי ישראל בארנובער זצ"ל.

שווער צוריק געענטפערט: "ניין! **דאס** מעגסטו יא עסן!". און ער האט טאקע געגעסן. ווען ער האט זיך אויפגעוועקט, האט ער געזען אז דאס איז געווען א חלום, אבער ויהי לפלא, אז דער עסן אינעם חלום האט אים אריינגעגעבן נייע כוחות צו פאסטן, און ער האט גארנישט געשפירט די שוואכקייט וואס ער האט געהאט אנהייב נאכט.

**הרה"ק רבי בנימין זאב (וועלוועלע) מזבאריזש בן הרה"ק רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב זי"ע**
**ג' ניסן תקפ"ב**

**נישט געזען קיין שלעכטס אויף א איד**

**אין** די צייטן פון ראפשיצער רב זצ"ל איז געווען א גרופע מתנגדים וועלכע פלעגן אויסטיילן צרות פאר די חסידים, און דאס האט זייער שטארק מצער געווען דעם עולם דארט אין דער געגנט. האט דער ראפשיצער רב געוואלט צוזאמנעמען א בית דין און זיי אריינלייגן אין א ח' (חרם). אבער ער האט געזאגט, אז רבי וועלוועלע זבאריזשער איז דער 'צדיק הדור', און ער קען דאס נישט טון אן זיין הסכמה. האט ער געשיקט אנפרעגן רבי וועלוועל'ן צו ער איז מסכים דערצו. האט ער געזאגט: "מיר האבן אויסגעגאסן קאַנען (דאס איז אזוי ווי פעסער) טרערן פארן אייבערשטן, אז מיר זאלן נישט זען קיין פעלער אויף א איד, נו, ווילט עטץ יעצט אז איך זאל זיך דא אריינמישן?".

**ווען** דער שינאווער רב זצ"ל האט איבערדערציילט די מעשה, האט ער - מיט זיין מדת האמת - צוגעלייגט: "קאַנען? עה, א גוזמא! ליטערס!".

**תמים תהיה עם ה' אלקיך**

**רבי** אליעזר'ל דזשיקובער זצ"ל איז אמאל אלס קינד געווען מיטן טאטן דער ראפשיצער רב זצ"ל ביי רבי וועלוועלע זבאריזשער זצ"ל. האט ער געהערט ווי רבי וועלוועלע זינגט זמירות כדרכו בקודש מיט א מורא'דיגע תמימות: "קמץ ב - בָ, מלאופום ר - רֹ, לאנגע ך - כ - בָרוּךְ, און אזוי האט ער געזינגען די זמירות. האט רבי אליעזר'ל אנגעהויבן לאכן. האט רבי וועלוועלע זיך אנגערופן: "אזוי?

מען לאכט שוין פון מיר?!". און ער האט צוגעמאכט דעם סידור. און ער האט געהאט א שטיקל הקפדה אויף דאס קינד.

**האט** דער ראפשיצער רב דערלאנגט א פּאָר פעטשלעך פאר רבי אליעזר'ל. האט רבי וועלוועלע געזען אז דאס קינד האט באקומען פעטש צוליב אים, האט ער זיך געוואנדן צום קינד: "אוי, צוליב מיר האסטו באקומען פעטש? זיי מיר מוחל!". האט דער ראפשיצער רב מיט זיין חכמה געוואונקען פאר רבי אליעזר'ל, אז ער זאל זיך עקשנ'ען: "איך בין נישט מוחל דעם רבי'ן, נאר טאמער דער רבי וועט מיר געבן א ברכה!". און אזוי האט ער זיך טאקע גע'עקשנ'ט, ביז דער רבי וועלוועלע האט אים אנגעוואונטשן, און דורכדעם איז ער ניצול געווארן פון דער הקפדה.

לקבלת הקונטרס מידי שבוע
נא לשלוח אימעיל עם הבקשה
MechonShinova@gmail.com